בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת און הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים און מְחַנְּכוֹת

גליון ח'

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת תזריע - מצורע תשפ"ג

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה שְׁנַת תשפ"ג קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א

**מִיר זֶעצְן פָאר בְּעֵזֶר ה' דֶעם צְוֵוייטְן חֵלֶק פוּנֶעם שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי מְחַנְּכִים אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א, דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן.**

### דֶער כֹּחַ פוּן אַ גוּט וָוארְט

אִיךְ רֶעד יֶעדְן טָאג מִיט מַיין מַאמֶע תְּחְיֶ', זָאגְט זִי מִיר לֶעצְטְנְס: אִיךְ הָאבּ דִיר אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה צוּ דֶערְצֵיילְן. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר וָואס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן, עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעלִיגְן אִין שְׁפִּיטָאל אִין דִי אֵיי סִי יוּ אָפְּטֵיילוּנְג אִין זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע מַצָּב, בַּאהָאפְּטְן צוּ אַ רֶעסְפֶּערֶעיטָאר מַאֲשִׁין, דִי דָאקְטוֹירִים הָאבְּן גֶעזָאגְט לוֹיט וִוי עֶס זֶעט אוֹיס הֶערְט עֶר שׁוֹין נִישְׁט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים.

(דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶטְס זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן זֶען וָואס דָארְט טוּט זִיךְ. נָאךְ מַיין חֲתוּנָה פְלֶעג אִיךְ גֵיין אֵיין מָאל אַ וָואךְ נֶעכְטִיגְן אִין שְׁפִּיטָאל מִיט חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל, מִיט רְשׁוּת פוּן מַיין וַוייבּ, נִישְׁט נָאר מִיט 'רְשׁוּת' נָאר זִי פְלֶעגְט מִיר בֶּעטְן, וַוייל אִיר מַאמֶע אַרְבֶּעט אִין אַן אָרְגֶענִיזַאצְיֶע וָואס הֶעלְפְט אִין דֶעם גֶעבִּיט פוּן שִׁיקְן מֶענְטְשְׁן אִיבֶּער צוּ נֶעכְטִיגְן מִיט חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל. הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אִין דִי אֵיי סִי יוּ אָפְּטֵיילוּנְג וִוי עֶס לִיגְן נֶעבֶּעךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוֹיף בֶּעטְלֶעךְ אֵיינְס נֶעבְּן דִי אַנְדֶערֶע, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג דָאס צוּצוּזֶען).

לְמַעֲשֶׂה הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן בִּיז אַפָּאר טָאג הָאט דֶער בָּחוּר'ל גֶעעֶפְנְט דִי אוֹיגְן, עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ הֵיילְן, און בָּרוּךְ ה' בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט הָאט מֶען זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן גְרֵייטְן צוּ מַאכְן אַ 'סְעוּדַת הוֹדָאָה'.

### גֶעקֶעמְפְּט דָאס קְרֶענְק טוֹיטֶערְהֵייט

הָאט דֶער בָּחוּר'ל גֶעזָאגְט פַאר זַיין טַאטֶע: אִיךְ וִויל מֶען זָאל רוּפְן צוּם 'סְעוּדַת הוֹדָאָה' אֵיינֶער פוּן דִי דָאקְטוֹירִים וָואס אַרְבֶּעטְן אִין יֶענֶע שְׁפִּיטָאל, וַוייל וֶוען אִיךְ בִּין גֶעלִיגְן אִין שְׁפִּיטָאל פַארְשְׁלַאפְט, הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט וִוי אַלֶע זָאגְן אוֹיף מִיר קְלָאר: **"עֶר גֵייט עֶס נִישְׁט מַאכְן"**, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין טְרָאפּ כֹּחַ אִין מִיר צוּ וֶועלְן קֶעמְפְּן מַיין קְרֶענְק, וַוייל אִיךְ גֵיי סַיי וִוי עֶס נִישְׁט אִיבֶּער לֶעבְן, פְלוּצְלִינְג הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט וִוי דֶער דָאקְטֶער רוּפְט זִיךְ אָן: **"עֶר קֶען עֶס נָאךְ מַאכְן"**, **"עֶר גֵייט זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן"**, **"עֶר גֵייט עֶס אִיבֶּער לֶעבְן"**, זַיינֶע וֶוערְטֶער הָאבְּן מִיר גֶעגֶעבְּן מוּט און כֹּחַ צוּ וֶועלְן קֶעמְפְּן מַיין קְרֶענְק, עֶנְדְלִיךְ הֶער אִיךְ וִוי אֵיינֶער גֶעבְּט נָאךְ הָאפֶענוּנְג אוֹיף מִיר, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן (כִּמְעַט) טוֹיטֶערְהֵייט צוּ קֶעמְפְּן מַיין קְרֶענְק, און אַזוֹי בִּין אִיךְ יֶעצְט גֶעזוּנְט און אִיךְ קֶען פְרַאוֶוען אַ סְעוּדָה הוֹדָאָה!

דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן אָנְגֶערוּפְן דֶעם דָאקְטֶער און אִים אַיינְגֶעלַיידְנְט צוּם סְעוּדַת הוֹדָאָה, וֶוען דֶער דָאקְטֶער אִיז גֶעקוּמֶען הָאט זִיךְ דֶער בָּחוּר אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט און דֶערְצֵיילְט זַיין גֶעשִׁיכְטֶע זַייעֶנְדִיג אִין שְׁפִּיטָאל, עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם דָאקְטֶער: "דוּ הָאסְט גֶערַאטֶעוֶועט מַיין לֶעבְּן! אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעלִיגְן כִּמְעַט טוֹיט, אָן קַיין טְרָאפּ כֹּחַ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעהֶערְט צוּ אַלֶע שְׁמוּעֶסְן וִוי אַלֶע הָאבְּן גֶעזָאגְט קְלָארֶע וֶוערְטֶער: 'עֶר גֵייט עֶס נִישְׁט מַאכְן', הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין כֹּחַ צוּ וֶועלְן קֶעמְפְּן מַיין קְרֶענְק, פְלוּצְלִינְג הֶער אִיךְ וִוי דוּ זָאגְסְט אַז אִיךְ גֵיי עֶס יָא דוּרְכְלֶעבְן, דַאן הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען כֹּחַ צוּ וֶועלְן קֶעמְפְּן מַיין קְרֶענְק און אַזוֹי הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיסְגֶעהֵיילְט!"

רוּפְט זִיךְ דֶער דָאקְטֶער אָן: "זָאלְסְט וִויסְן אַז אִיךְ הָאבּ עֶס אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעזָאגְט פַאר דִיר... אִיךְ הָאבּ גֶעהַאלְטְן אוֹיף דִיר דִי זֶעלְבֶּע פוּן יֶעדְן אַז דוּ גֵייסְט עֶס נִישְׁט מַאכְן, וַוייל לוֹיט דַיין מַצָּב וָואלְסְטוּ עֶס טַאקֶע נִישְׁט גֶעקֶענְט מַאכְן! נֶעבְּן דִיר אִיז גֶעלִיגְן אַ צְוֵוייטֶער מֶענְטְשׁ, אוֹיף יֶענֶעם מֶענְטְשׁ הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט אַז עֶר קֶען עֶס נָאךְ מַאכְן, דוּ הָאסְט גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ מֵיין דִיךְ, און דָאס הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן כֹּחַ צוּ וֶוערְן גֶעזוּנְט!" אַלֶע צוּהֶערֶער הָאבְּן זִיךְ צֶעוֵויינְט, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען דֶער כֹּחַ פוּן אַ גוּט וָוארְט, וָואס עֶס טוּט אוֹיף וֶוען מֶען לֵייגְט אַרַיין הָאפֶענוּנְג אִין אַ מֶענְטְשׁ!

### "דוּ בִּיסְט יָא!"

אַז עֶס אִיז דָא אַ קִינְד אִין כִּתָּה וָואס אַלֶע זָאגְן: **"דוּ וֶועסְט עֶס נִישְׁט מַאכְן"**, **"דוּ וֶועסְט עֶס נִישְׁט מַאכְן"**, וֶועט עֶר עֶס אַוַודַאי נִישְׁט מַאכְן, וַוייל אַלֶע זֶענֶען אִים מְיַיאֵשׁ פוּן נִיצְן זַיינֶע כֹּחוֹת צוּ וֶועלְן נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְן זַיין גוּט, אָבֶּער אַז דֶער מְלַמֵּד אָדֶער דִי לֶערֶערִין זָאגְט: **"דוּ וֶועסְט עֶס יָא מַאכְן"**, **"דוּ קֶענְסְט יָא"**, **"דוּ**

פארזעצונג אין עמוד ב' >>>

>>> פארזעצונג פון עמוד א'

**בִּיסְט יָא"**, אוּן וֶוען דָאס קִינְד זָאגְט: **"אִיךְ קֶען נִישְׁט קָאלֶערְן"**, אִיז מֶען אִים מְחַזֵּק מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער: **"דוּ קֶענְסְט יָא, מַאךְ אַזוֹי אוּן מַאךְ אַזוֹי"**, **"אוֹי, דוּ מַאכְסְט אַזוֹי שֵׁיין"**, **"דוּ בִּיסְט אַזוֹי גוּט"**, וֶועט עֶר צוּם סוֹף עֶס קֶענֶען מַאכְן.

### הַיינְט וֵוייסְט זִי שׁוֹין...

אִיךְ בֶּעט עֶנְק טֵייעֶרֶע מְחַנְּכִים; קֶען זַיין עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ הֶערְן וָואס אִיךְ גֵיי עֶנְק יֶעצְט זָאגְן, אָבֶּער הֶערְט וָואס אִיךְ זָאג עֶנְק. מֶען דַארְף טַאקֶע לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער אַלֶע לִימוּדִים, מֶען דַארְף אָנְפִילְן דֶעם טָאג, אָבֶּער אִין עֶנְקֶער קָאפּ זָאלְסְט עֶטְס גוּט וִויסְן **אֲפִילוּ אוֹיבּ דָאס קִינְד וֶועט נִישְׁט קֶענֶען רֶעכֶענֶען וֶועט גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁען!** עֶס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אָנְגְרֵייטְן צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער, זִיכֶער דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען רֶעכֶענֶען, אָבֶּער שְׁטִילֶערְהֵייט אִין קָאפּ דַארְפְט עֶטְס וִויסְן אַז עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁען וֶוען אַ תַּלְמִידָה קֶען נִישְׁט רֶעכֶענֶען, דָאס שְׁטֶערְט גָארְנִישְׁט אוֹיף נָאךְ דִי חֲתוּנָה.

וֶוען אֵיינֶע פוּן מַיינֶע שְׁוֶועסְטֶערְס אִיז גֶעוֶוען קְלֵיין הָאט דִי מְנַהֶלֶת אָנְגֶערוּפְן מַיין מַאמֶע זָאגְן: **"דַיין קִינְד קֶען נִישְׁט אַרוֹיפְגֵיין קוּמֶענְדִיגֶע יָאר צוּ דִי הֶעכֶערֶע קְלַאס, וַוייל מֶען הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט לֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען רֶעכְנְט 'פְּלָאס' אוּן זִי קֶען עֶס נָאכְנִישְׁט, זִי כַאפְּט נִישְׁט אוֹיף אַז אֵיין עֶפְּל מִיט נָאךְ אַן עֶפְּל אִיז צְוֵויי עֶפְּלֶעך!"** הָאט מַיין מַאמֶע גֶעבֶּעטְן דִי מְנַהֶלֶת: **"וָואס גֵייט דִיר אָן אַז זִי וֵוייסְט דָאס נִישְׁט, זִי שְׁטֶערְט נִישְׁט אִין קְלַאס, זִי אִיז נִישְׁט קַיין מְחֻצֶּפֶת, לָאז אִיר מִיטְגֵיין מִיט אַלֶע מֵיידְלֶעךְ"**, זִי אִיז טַאקֶע מִיט גֶעגַאנְגֶען מִיט אַלֶע מֵיידְלֶעךְ, אוּן הַיינְט וֵוייסְט זִי שׁוֹין אַז אֵיין עֶפְּל מִיט נָאךְ אַן עֶפְּל אִיז צְוֵויי עֶפְּלֶעך... עֶס אִיז גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁען אַז זִי הָאט עֶס נִישְׁט גֶעכַאפְּט צוּזַאמֶען מִיט יֶעדְן.

### דֶעם מִיטְל וֶועג

מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פוּיל, וֶועגְן דֶעם זֶענֶען מֶענְטְשְׁן עֶקְסְטְרֶעם; אָדֶער לָאזְט מֶען אַלֶעס דִי קִינְדֶער טוּן, שְׁלֶעפְּן דֶעם טַאטֶענְס שְׁטְרַיימְל, מֶען לֵייגְט אַ מֵייעֶר אִין זַיין אוֹיעֶר, מֶען שְׁלֶעפְּט זַיין בָּארְד... אוּן דֶער טַאטֶע זָאגְט גָארְנִישְׁט, אָדֶער דַארְפְן דִי קִינְדֶער זַיין סָאלְדַאטְן אוּן מֶען הַרְגְ'עֶט דִי קִינְדֶער, אַזוֹי גֵייט עֶס אִין דִי וֶועלְט, עֶס אִיז נִישְׁט דָא עֶפֶּעס אִינְדֶערְמִיט. אָבֶּער אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ לֶערְנְט מֶען אוֹיס: **"גֵיי אִינְמִיטְן"**, דִי קִינְדֶער קֶענֶען נִישְׁט טַאנְצְן אוֹיף דִיר אוּן דוּ דַארְפְסְט זֵיי נִישְׁט הַרְגְ'עֶנֶען.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז דָא צְוִוישְׁן מְלַמְדִים, אָדֶער מַאכְט דֶער מְלַמֵּד אָפּ אַז 'קֵיינֶער דַארְף גָארְנִישְׁט קֶענֶען', אָדֶער אַז 'אַלֶע קִינְדֶער דַארְפְן קֶענֶען!' מֶען דַארְף אָבֶּער נֶעמֶען דֶעם מִיטְל וֶועג, אַלֶע קִינְדֶער דַארְפְן לֶערְנֶען, אָבֶּער עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁען אוֹיבּ מֶען קֶען נִישְׁט!

### דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִין לֶעבְן

דֶער עִיקָר אִיז אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער, גֶעבְן אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ קִינְד, יֶעדֶעס קִינְד זָאל בַּאקוּמֶען אַ שְׁמֵייכְל, יֶעדֶעס קִינְד זָאל בַּאקוּמֶען אַ גְלֶעט פוּנֶעם מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין; דָאס אִיז זֵייעֶר גֶעזוּנְט פַאר אַ קִינְד.

אַלְס קִינְד וֶוען מַיין מַאמֶע הָאט מִיר גֶעפִיטֶערְט נַאכְטְמָאל הָאט זִי מִיר דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה, עַד הַיּוֹם גֶעדֶענְק אִיךְ נָאךְ דִי מַעֲשֶׂה, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַעֲשֶׂה. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטָאט וָואס הָאט גֶעוָואלְט גֶעוואוֹיר וֶוערְן 'וָואס אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִין לֶעבְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ', הָאבְּן זֵיי גֶענוּמֶען אַ גַאנְצֶע שְׁפִּיטָאל מִיט אַפָּאר הוּנְדֶערְט גוֹי'אִישֶׁע בֶּעיבִּי'ס, מֶען הָאט זֵיי אַוֶועק גֶענוּמֶען פוּן דִי מַאמֶעס אוּן אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין אַ פַארְמַאכְטֶע בִּנְיָן, מֶען הָאט זֵיי אָנְגֶעגְרֵייט עֶסְן אוּן אַלֶע בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייטְן, מִיט דִי צַייט זֶענֶען אַלֶע בֶּעיבִּי'ס אוֹיסְגֶעשְׁטָארְבְן, וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט דִי גְלֶעט אוּן דָאס אַרוּם הַאלְזְן פוּן דִי מַאמֶע!

מִן הַסְּתָם אִיז דִי מַעֲשֶׂה נִישְׁט אֶמֶת, אָבֶּער עֶס אִיז אַן 'אֶמֶת'עֶר מָשָׁל'; אַ קִינְד דַארְף זֵייעֶר וִויכְטִיג מֶען זָאל רֶעדְן מִיט אִים, אִים גֶעבְן אַ גוּט וָוארְט, דָאס אִיז נָאךְ וִויכְטִיגֶער וִוי עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען.

### לֶעבְן פַאר דִי קִינְדֶער

עֶס קֶען אוֹיסְקוּקְן אִין אַ סְקוּל וִוי אַלֶעס קְלַאפְּט, עֶס טוּט זִיךְ, לֶערֶערִינְס קוּמֶען אוּן גֵייעֶן, דִי תַּלְמִידוֹת הָאבְּן פָאלְדֶערְס אוּן בִּיכֶער, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט דָא דָארְט קַיין הָאֶרֶץ, קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיפְ'ן קִינְד, אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ קִינְד, **"דַיינֶע שִׁיךְ זֶענֶען שֵׁיין"**, **"דַיין הָאר אִיז שֵׁיין"**, **"דַיינֶע אוֹיעֶר רִינְגְלֶעךְ זֶענֶען שֵׁיין"**, **"בִּיסְט אַזוֹי צוּקֶערְדִיג"**. דָאס אִיז לֶעבְן פַאר דִי קִינְדֶער; דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט אִינְגְלֶעךְ, צוּ זֵיי דַארְף מֶען נִישְׁט רֶעדְן פוּן דִי שִׁיךְ אוּן קְלֵיידוּנְג, אָבֶּער מֶען דַארְף אוֹיךְ זָאגְן: **"בִּיסְט אַזַא וואוֹיל קִינְד"**, **"בִּיסְט אַזַא גוּט קִינְד"**, **"בִּיסְט אַזַא טֵייעֶר קִינְד"**.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רוּעֶן אִין עֶנְקֶערֶע מַעֲשִׂים.

## חִיזוּק פַאר דִי אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### רֶעדְן שֵׁיין אִינְדֶערְהֵיים

נָאךְ אַ שֵׁיינֶע זַאךְ וָואס מֶען קֶען גֶעבְן פַאר דִי קִינְדֶער, אִיז אוֹיבּ מֶען רֶעדְט שֵׁיין צוּ דֶער מַאן. קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן אַ שְׁטוּבּ וָואס טַאטֶע מַאמֶע רֶעדְן שֵׁיין אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערְן, מֶען שְׁרֵייט נִישְׁט אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, וַואקְסְן אוֹיף גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער.

קִינְדֶער וָואס וַואקְסְן אוֹיף אִין אַ שְׁטוּבּ וָואס מֶען שְׁרֵייט אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, מֶען גְרוֹיסְט זִיךְ אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, אֲפִילוּ דִי פְרוֹי אִיז גֶערֶעכְט, זִי שְׁרֵייט אוֹיפְ'ן מַאן: **"מֶען קֶען נִישְׁט יֶעצְט אַהֵיימְקוּמֶען!"**, **"דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶערֶעכְט!"** דִי קִינְדֶער וֶועלְן נָאכְדֶעם זוּכְן אַנְדֶערֶע דְרָכִים, שְׁלֶעכְטֶע וֶועגְן, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דִי קִינְדֶער וֶועלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן שְׁטוּבּ, וַוייל זֵיי וֶועלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶועלְן מְצַעֵר זַיין טַאטֶע מַאמֶע.

# חיזוק פאר מלמדים

ארויסגענומען פונעם 'דף שיעור' פונעם ראש ישיבה שליט"א

**הערליכע חיזוק וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט פאר מלמדים נאכ'ן פארלערנען דעם בלאט גמרא.**

### וואס וועט יא איבער בלייבן?

עס איז נישט דא נאך אזא חשוב'ע עבודה ווי זיצן מיט אידישע קינדער, זיי מדריך זיין און מחנך זיין מיט יראת שמים.

דאס לעבן גייט אריבער, יעדער גייט אוועק פון די וועלט; דער הייליגער ר' נתן זכרונו לברכה האט געוואוינט אין ברסלב אויפ'ן גאס וואו דער מארק פלעגט זיין, (אזוי ווי היינט אין בארא פארק אויף דרייצנטע עוועניו, און וויליאמסבורג אויף וואלאבאוט סטריט), עס איז געווען זייער א פארנומענע גאס, אמאל האט רבי נתן ארויסגעקוקט פון פענסטער און זיך אנגערופן: **"אין פופציג יאר ארום וועט זיין די זעלבע מארק, נאר אנדערע מענטשן און אנדערע פערד". אין פופציג יאר ארום וועט זיך הערן אין מארק די זעלבע קולות, די זעלבע סכסוכים, מען וועט פייפן און זיך שלאגן אויף פארקינג, מענטשן וועלן מיינען אז זיי וועלן איינעמען די וועלט, נאר 'אנדערע מענטשן, אנדערע פערד און אנדערע קארס', וואס וועט יא איבער בלייבן פונעם היינטיגן טאג? דאס וואס דער מלמד איז געזיצן מיט אידישע קינדער און געלערנט מיט זיי יראת שמים!**

### פערציג יאר גערעדט פונעם אייבערשטן!

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט פאר איינער פון די מלמדים אין היכל הקודש וואס האט געהאט א זיידע א מלמד: **"קוק אויף דיין זיידע, ער איז געווען א מלמד פערציג יאר, דאס האט ער מיט גענומען אויבן אין הימל, אז ער איז געזיצן פערציג יאר און גערעדט מיט קינדער פונעם אייבערשטן!"**

### וואס בלייבט איבער פונעם מענטש?

יעדער איינער ווערט אלט, יעצט קענסטו נאך מסדר זיין דיין בארד, צובינדן דיין שיך, צומאכן דיין הויזן, ווען מען ווערט עלטער האט מען שוין די שטארקע מוסקלען, מען דארף שוין צוקומען צו די הילף פון מענטשן.

ווען איך גיי ערב שבת אין מקוה מיט מיין קליינער זון, טו איך אים אן און איך זאג אים: **"זעסט? יעצט ווען דו ביסט קליין דו קענסט זיך נאכנישט אליינס צובינדן די שיך, העלף איך דיר, ווען איך וועל זיין זייער אלט און איך וועל נישט קענען אליינס גיין אין מקוה וועסטו מיר נישט לאזן אינדערהיים, נאר אויך ברענגען אין מקוה און העלפן אנטון?"** פרעגט ער מיר: **"טאטי, וואס הייסט, דו גייסט נישט קענען וואקן?"** זאג איך אים: **"איך ווייס נישט, איך האף צום אייבערשטן אז איך וועל האבן כח ביז די הונדערט און צוואנציג יאר, אבער אז איך וועל נישט האבן קיין כח וועסטו מיר אפנעמען פון מיין הויז און ברענגען אין מקוה, אזוי ווי איך ברענג דיך יעצט אין מקוה ווען דו ביסט קליין"**, זאגט ער מיר: **"אקעי, איך גיי דיך ברענגען אין מקוה און העלפן אלעס"...**

אזוי איז עס ווען מען ווערט עלטער, מען קען זיך נישט אליינס אנטון, מען קען שוין גארנישט אליינס טון, וואס בלייבט יא איבער פונעם מענטש? דאס וואס דו ביסט געזיצן מיט קינדער און אריין געלייגט אין זיי אמונה, דאס בלייבט אויף אייביג.

דער אייבערשטער זאל העלפן עטס זאלטס האבן הצלחה און סייעתא דשמיא.

# בריוון פון חינוך

המשך

פונעם ראש ישיבה שליט"א

<<< פארזעצונג פון לעצטע עמוד

פארשטייט זיך אז מען דארף אליינס אויך האבן אמונה, מען קען נישט איבער געבן אמונה פאר א צווייטן נאר אז מען איז בטל ומבוטל צום אייבערשטן; מוהרא"ש טייטשט מיט דעם פסוק (תהלים כה, ח): "טוב וישר ה' על כן יורה חטאים בדרך", ווען א מענטש וויל זיין א 'יורה חטאים בדרך', ער וויל צוריק ברענגען מענטשן צום אייבערשטן, דארף זיין ביי אים קודם 'טוב וישר ה'', ער דארף וויסן ביי זיך אז דער אייבערשטער פירט די וועלט בצדק ובמשפט ובחסד וברחמים, און נאר אזוי קען ער צוריק ברענגען אידישע קינדער צו די אמונה.

דאס זעלבע איז מיט עלטערן וואס ווילן מחנך זיין די קינדער זיי זאלן לעבן מיט אמונה; זיי דארפן זיך אליינס איבער געבן צום אייבערשטן און לעבן מיט אמונה, אזוי וועלן די קינדער אויך לעבן מיט אמונה. יעדע זאך וואס פאסירט אין שטוב זאל מען הערן דערביי דעם אויסדרוק: **"ברוך השם!" "אלעס איז דער אייבערשטער!"** אז עס גיסט זיך עפעס אויס אדער עפעס צעברעכט זיך דארף מען הערן: **"גם זו לטובה"**, **"וואס דער אייבערשטער טוט - איז זיכער גוט"**; ביים שבת טיש דארף מען דערציילן מעשיות פון אמונה, מעשיות פון תפלה - אזוי וועט אריין גיין אין זייער הארץ די ריינע אמונה.

אמונה באקומט מען ווען מען רעדט דערפון, ווי מער מען רעדט פונעם אייבערשטן אלץ מער בויט זיך אויף די אמונה. אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן מד): "האמונה תולה בפה של אדם", ווי מער מען רעדט פון אמונה אלץ מער איז מען זוכה צו דעם, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים פט, ב): "אודיע אמונתך בפי", דוד המלך זאגט: 'מיט מיין מויל דערצייל איך פונעם אייבערשטן', "היינו על ידי שמדברין האמונה בפה, זהו בעצמו אמונה, וגם על ידי זה באים לאמונה", אז מען רעדט פון אמונה - דאס אליינס איז אמונה און דאס ברענגט מען זאל האבן אמונה.

דערפאר איז א גרויסע זאך אז מען זאל שטענדיג רעדן פונעם אייבערשטן, וואו מען קען נאר זאל מען דערמאנען דעם אייבערשטן; מען פרעגט איינעם: "וועסט קומען היינט נאכט?" זאל ער נישט ענטפערן: "יא", נאר: "מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף"; מען פרעגט איינעם: "וואס מאכסטו?" "וואס הערט זיך?" ענטפערט מען: "ברוך השם, געלויבט דעם אייבערשטן".

עלטערן דארפן אסאך וויינען צום אייבערשטן אויף ערליכע קינדער; מען האט געפרעגט דעם הייליגן חתם סופר זכותו יגן עלינו ווי אזוי האט ער זוכה געווען צו אזעלכע גוטע קינדער, האט דער הייליגער חתם סופר זכותו יגן עלינו געענטפערט: "יעדע נאכט בשעת איך האב געזאגט תיקון חצות האב איך אנגעפילט א כוס מיט טרערן, איך האב געבעטן פאר גוטע קינדער"; דאס איז דער וועג ווי אזוי מען איז זוכה צו ערליכע דורות.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן קענען מחנך זיין אונזערע קינדער על דרך התורה והמצוות.

א גוט יום טוב.

...

(עצתו אמונה חלק ה', מכתב תלו)

## קומענדיגע וואך

אין די בריוו אפטיילונג

- מוז א קינד פאלגן ביים ערשטן מאל הייסן?
- וואס טו איך מיט מיינע קינדער וואס האלטן נישט ביים איינזיצן ביים שבת טיש?

## חינוך אפטיילונג

אויף קול ברסלב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
**דרוקט: 1-2-4-2**
שמעו ותחי נפשכם

המשך

# בְּרֵיוֹן פון הַחִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

>>> פארזעצונג פון עמוד ג

## ווי אַזוֹי בְּרֶענְגְט מֶען אַרַיין אֱמוּנָה אִין דִי קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מַאמֶע צוּ פִּינְף זִיסֶע קִינְדֶערְלֶעךְ קַיין עַיִן הָרָע און מַיין גַאנְצֶע צִיל און הָאפֶענוּנְג אִין לֶעבְּן אִיז אוֹיפְצוּצִיעֶן מַיינֶע קִינְדֶער מִיט אֱמוּנָה און יִרְאַת שָׁמַיִם, זֵיי זָאלְן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מַיין צֶען יֶערִיג אִינְגְל הָאט מִיר לֶעצְטְנְס גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, וֶוען אִיךְ הָאבּ אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶר מֵיינְט צוּ זָאגְן דֶערְמִיט, הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר בֶּעט אַסַאךְ מָאל זַאכְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און עֶר בַּאקוּמְט עֶס נִישְׁט.

אִיךְ הָאבּ מִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דֶעם, עֶס זֶעט מִיר אוֹיס אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג ווי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ מַיינֶע קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה, ווי אַזוֹי אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה און הַדְרָכָה ווי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ מַיינֶע קִינְדֶער, און ווי אַזוֹי אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין זֵיי דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה.

אַ גְרוֹיסְן דַאנְק

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י"ד תִּשְׁרֵי, עֶרֶב חַג הַסֻּכּוֹת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט ווִי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, וַוייל דֶעם רֶבִּינְ'ס מַאמֶע, פֵיגָא, הָאט גֶע'יַרְשְׁ'עֶנְט דִי הוֹיז פוּן אִיר מַאמֶע - דִי צַדֶּקֶת אָדְל - דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹבְ'ס טָאכְטֶער, וָואס זִי הָאט גֶע'יַרְשְׁ'עֶנְט דָאס הוֹיז פוּן אִיר טַאטֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

אִין דֶעם הוֹיז אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן. וֶוען דִי תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב פְלֶעגְן קוּמֶען קַיין מֶעזִיבּוּז צוּם צִיוּן פוּן זֵייעֶר רֶבִּי - דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פְלֶעגְן זֵיי אַרַיין גֵיין אִין שְׁטוּבּ פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב און זִיךְ דֶערְמַאנֶען דִי צַייטְן וָואס זֵיי פְלֶעגְן זַיין בַּיים בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זֵיי פְלֶעגְן שְׁמוּעֶסְן צְווִישְׁן זִיךְ פוּן זֵייעֶר גְרוֹיסֶער רֶבִּי. דֶער רֶבִּי זַייעֶנְדִיג נָאךְ אַ קְלֵיין אִינְגְל פְלֶעגְט אוֹיסְהֶערְן דִי שְׁמוּעֶסְן פוּן דִי קְדוֹשֵׁי עֶלְיוֹן, דִי צַדִּיקִים תַּלְמִידֵי הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

אַמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה ווִי אַזוֹי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, אַז זַיין מַאמֶע שָׂרָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַלְט בְּשַׁעַת זִי הָאט גֶעבּוֹירְן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ און זִי אִיז גְלַייךְ נָאכְדֶעם נִפְטָר גֶעוָוארְן, שְׁפֶּעטֶער וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אַלְט גֶעוֶוען פִינְף יָאר הָאט אִים זַיין טַאטֶע גֶערוּפְן צוּ זִיךְ און אִים גֶעזָאגְט בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: "**יִשְׂרָאלִיק! אִיךְ גֵיי יֶעצְט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט - כְּדֶרֶךְ כָּל הָאָרֶץ, גֶעדֶענְק דוּ בִּיסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר און נֶעבְּן דִיר, זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם**", און מִיט דִי וֶוערְטֶער אִיז עֶר נִפְטָר גֶעוָוארְן.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן אֵיינֶער אַלֵיינְס אִין אַ גְרוֹיסֶע וֶועלְט, אָבֶּער עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקְט זַיין טַאטְנְ'ס לֶעצְטֶע וֶוערְטֶער: "**גֶעדֶענְק דוּ בִּיסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר און נֶעבְּן דִיר, זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם**", מִיט דִי וֶוערְטֶער הָאט עֶר גֶעלֶעבְּט און דָאס אוֹיסְגֶעפִירְט לְמַעֲשֶׂה, וָואס עֶר הָאט נָאר גֶעדַארְפְט הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בִּיז אֵיינְמָאל שְׁפַּאצִירְט עֶר אִין וַואלְד בְּשַׁעַת עֶר זִינְגְט זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִינְמִיטְן זֶעט עֶר ווִי עֶס קוּמְט צוּ גֵיין אַ מֶענְטְשׁ און פְרֶעגְט אִים: "וָואס טוּסְטוּ דָא אַלֵיין אִין וַואלְד?" רוּפְט עֶר זִיךְ אָן צוּ אִים: "אִיךְ בִּין נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט מִיר", רוּפְט זִיךְ אָן דֶער מֶענְטְשׁ: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוֹיבְן אִין הִימְל, עֶר אִיז זֵייעֶר הוֹיךְ, עֶר הָאט אִיבֶּער גֶעלָאזְט דִי וֶועלְט", און עֶר לֵייגְט צוּ אַז עֶס אִיז אַ בְּפֵירוּשׁ'ע פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל ח, יב): "עָזַב ה' אֶת הָאָרֶץ". (וָואס בֶּאֱמֶת שְׁטֵייט דָארְט מֶען זָאל נִישְׁט זָאגְן אַזוֹי ווִי דִי וָואס זָאגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט נִישְׁט וָואס מֶען טוּט אִין דִי פִינְסְטֶערְנִישׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז פַארְלָאזְט).

דֶער מֶענְטְשׁ הָאט וַוייטֶער גֶערֶעדְט צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעכַאפְּט אַ צְוַוייג פוּן דֶער עֶרְד און אִים אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ שְׁלָאגְן, און בְּשַׁעַת עֶר הָאט גֶעשְׁלָאגְן דֶעם אַלְטְן נַאר הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים צב, י): "יִתְפָּרְדוּ כָּל פֹּעֲלֵי אָוֶן", פְּלוּצְלִינְג זֶעט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב ווִי עֶר אִיז נִישְׁטָא, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פָּשׁוּט גֶעוֶוען אַן אוֹיג פַארְבְּלֶענְדֶענִישׁ פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם; פוּן דֶעמָאלְט אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעוָוארְן נָאךְ שְׁטֶערְקֶער אִין דִי אֱמוּנָה, עֶר הָאט גֶעזֶען ווִי דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם ווִיל אִים אַיינְרֶעדְן קֶעגְן דִי אֱמוּנָה הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ אַסַאךְ מֶער גֶעשְׁטַארְקְט.

דִי מַעֲשֶׂה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעהֶערְט וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַרַיין אִין אִים אַ מוֹרָא'דִיגֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַ צַדִּיק, עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ טְרַאכְטְן: 'גֶעוַואלְד! אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִּיק! אֶפְשָׁר אַז אִיךְ וֶועל דָאס נָאכְטוּן, אִיךְ וֶועל אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועל אִיךְ אוֹיךְ וֶוערְן אַ צַדִּיק?' גְלַייךְ אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ און גֶעגַאנְגֶען צוּם צִיוּן פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב און גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִּיק, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וְכוּ' וְכוּ'**". בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז וֶוען אַ קִינְד הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק פְלַאקֶערְט דָאס אוֹיף זַיין הַארְץ צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

דֶערְפַאר אַז אִיר ווִילְט אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי צוּ מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְפְט אִיר ווִיסְן אַז דִי עֵצָה אִיז זֵיי צוּ דֶערְצֵיילְן אָן אַ שִׁיעוּר מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים און פוּן צַדִּיקִים.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵּד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער צִי עֶר לֶערְנְט מוּסָר מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער מְלַמֵּד גֶעזָאגְט: "יָא", הָאט אִים דֶער צַאנְזֶער רָב גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַאר אַ מוּסָר סְפָרִים לֶערְנְסְטוּ מִיט זֵיי?" זָאגְט עֶר: "חוֹבוֹת הַלְּבָבוֹת", זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "נִישְׁט דָאס מֵיין אִיךְ צוּ פְרֶעגְן, אִיךְ פְרֶעג צִי דוּ דֶערְצֵיילְסְט זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ און פוּן זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ"; וַוייל מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים פֵייעֶרְט אוֹיף דָאס הַארְץ צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

פארזעצונג אין עמוד ג' >>>

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876